יגדיל תורה – ארגון להפצת תורה

הלכה יומית – כל השונה הלכות בכל יום – שע"י חברת יגדיל תורה דחסידי בעלזא – מובטח לו שהוא בן עולם הבא

# הלכות ביים שבת טיש

פרשת בשלח

גליון מס׳ 34

## •••• אקטועלע הלכות צו פארברענגען מיט די גאנצע משפחה ••••

יו"ל ע"י חברת יגדיל תורה דחסידי בעלזא - אנטווערפן בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

להערות והארות טל': 32488417322+ מייל: shabbestish@gmail.com

## שאלות ותשובות לליל שבת

### הלכות מלאכת גוזז, כותב ומוחק

**א. מעג מען בייסן די נעגל, אראפנעמען א נאגל וואס הענגט?**

ניין, אבער אויב רוב פון די נעגל איז שוין אראפ און ס'הענגט אויף א האר או עס שטערט פאר די מענטש, מעג מען עס אראפנעמען מיט די הענט אבער נישט מיט א כלי.

**ב. איינער וואס זיין האר פאלט אים לייכט ארויס, מעג ער שלעפן די בארד אדער די פיאות [מאכט זיך בשעת מען פארטיפט זיך אין לערנען] און צו מעג ער מסדר זיין די פיאות?**

אויב מען איז זיכער אז עס גייט ארויסקומען האר טאר מען נישט, אבער אויב עס איז נישט זיכער, אפילו אויב למעשה קען אמאל ארויסקומען א האר, איז נישט דא קיין איסור ווייל עס איז נישט קיין פסיק רישיה.

**ג. מעג מען אויסקעמען די די האר אדער די פיאות מיט א קעמל, אדער מיט א בערשטל?**

מיט א קעמל טאר מען נישט אפילו אויב מען האט א עקסטערע פאר שבת, ווייל עס וועט זיכער ארויסרייסן האר, אבער מיט א ווייכע בערשטל, און מען האט א עקסטערע פאר שבת מעג מען פארעכטן די האר.

**ד. מעג מען אראפנעמען א פלאסטער וואס ליגט אויף די גוף ביי א פלאץ ווי עס איז דא האר?**

ניין, ווייל עס וועט זיך זיכער אראפרייסן האר בשעת'ן אראפנעמען די פלאסטער.

**ה. אויב מען האט א מאנטל מיט פעלץ פון א בהמה (fur), אדער א שטריימל און עס האט זיך צוגעקלעבט שמוץ אויף די שטריימל און מען וויל אראפנעמען די שמוץ, אבער עס וועט זיך דורך דעם אראפרייסן האר פון די שטריימל, מעג מען עס אראפנעמען?**

ניין.

**ו. אויב עס איז געבליבן האר אויף די הויט פון א געקאכטע שטיקל פלייש, מעג מען עס אראפפליקן?**

ניין נאר מעז זאל אוועקנעמען די שטיקל הויט מיט די האר אויף דעם, און ס'איז דא וואס זענען מיקל.

## שאלות ותשובות ליום השבת

### הלכות מלאכת גוזז, כותב ומוחק

**ז. אויב א זמירות איז געווארן אנגעטראפט מיט חלב אדער שמוציג געווארן מיט עסן מעג מען עס אראפקרייצן העכער די אותיות?**

ניין ווייל דורעך אראפקרייצן ווערט נתגלה די אותיות און עס הייסט אזוי ווי מעקן אויף צו שרייבן, ביי עסן ווען ס'איז נאך נישט פארטריקנט מעג מען, בפרט ווען ס'איז לאמיניער"ט מיט א פלאסטיק.

**ח. מעג מען שניידן א קיכן וואס איז דא אויף דעם גאנצע ווערטער אדער א גאנצע בילד?**

מען זאל שניידן צווישן די אותיות, אדער נעבן די בילד, אין די מויל מעג מען אויך צוברעכן די אות.

**ט. קאקיס וואס די ווערטער זענען אריינגעקריצט אין די ביסקויט און עס איז אזוי געבאקן אין די פאבריק, מעג מען צוברעכן די אותיות?**

יא, און די זעלבע זאך אויב מען עסט קוקיס אדער טשוקולד וואס זענען א צורה פון א חיה אדער פון אן אות מעג מען אויך צוברעכן.

**י. פעקלעך נאש וואס האבן געשריבענע אותיות אויף וועלכע אופן מעג מען עס עפענען?**

מען זאל עס נאר אויפרייסן צווישן די אותיות, און אויב עס איז זייער שמאל און עס איז נישט מעגלעך עס צו עפענען אן צו צורייסן די אותיות זאל מען עס עפענען פאר שבת.

**יא. מעג מען עפענען א ספר וואס אויף די זייט פון די בלעטער איז למשל דא א סטעמפל פון די בית המדרש, אדער עס איז אנגעשריבן ?**

אויב מען האט א צווייטע ספר זאל מען עס לכתחילה נישט עפענען, און מען זאל זעהן נישט אנצושרייבן דארט אינדערוואקן כדי עס זאל נישט זיין קיין פראבלעם צו עפענען אין שבת, אבער דאס איז דווקא אויב מען האט געשריבן אדער געצייכנט אויף די זייט פון די בלעטער, אבער דאס וואס מען שפריצט אן די היינטיגע ספרים ביי די זייט פון די בלעטער, דאס איז נישט קיין פראבלעם צו עפענען.

**יב. איינער וואס דאוונט אין א סידור און איז אנגעקומען ביי א בלעטל ווי עס איז אפגעריסן, מעג ער דערנענטערן די בלעטער כדי ער זאל קענען ליינען וואס שטייט דארט?**

מען זאל זעהן צו לאזן א ריוח צווישן איין בלעטל און די אנדערע און אזוי עס ליינען.

### מעשה רב

**דער אר"י הקדוש פלעגט מקפיד זיין נישט אנצורירן די בארד, איינמאל האט זיך געמאכט אז דער אר"י האט אריינגעלייגט די הענד אין די בארד, האט ער נישט ארויס גענומען די הענט פון דארט א גאנץ שבת, וועגן א חשש אז עס וועט ארויסקומען א האר.**

### מכתב למערכת

*איך וויל מיר באדאנקען פאר די שיינע בלאט "הלכות ביים שבת טיש" וואס עס איז מיר צונוץ געקומען פאריגע וואך בשעת ווען איך האב געלערנט די הלכה וואס מען דארף טוהן אויב מען האט פארגעסן אראפצונעמען חלה פון פאר שבת, האב איך מיר דערמאנט אז מען האט נישט אראפגענומען קיין חלה, האב איך געטוהן אזוי ווי ס'שטייט אין הלכה בלעטל, און איך האב מפריש געווען נאך שבת (אהן א ברכה) פון די חלה וואס איך האב אוועקגעלייגט.*

*ברוב ברכות ה.י. אנטווערפען*

# שאלות ותשובות בלשון הקודש

## שאלות לליל שבת

**א. האם מותר לכסוס צפרניים עם השיניים ?**

עיי' מ"ב (סק"א) שיש איסור דרבנן בנטילת צפרניים עם השיניים, ולענין ציפורן שפירשה רובה קודם השבת או שפירשה רובה מאליה בשבת נת' בסי' שכ"ח (סל"א) שאם מצער את האדם מותר לתלשה ביד ולא בכלי [ואף שנת' שם שרק בפירשו כלפי מעלה אין איסור, ושנח' הראשונים מהו גדר 'כלפי מעלה', היינו, לענין ציצין, ולענין ציפורן אין שייך חילוק זה, ובכל אופן מותר (ארחות שבת יז, הע' ח)].

**ב. מי ששערותיו נושרים בקלות, האם מותר לו למשוך שערות הפאות והזקן [מצוי בשעה שמעיינים בלימוד], והאם מותר לו לסדר את הפיאות לאחר המקוה ?**

בשו"ע מבו' שיש איסור דרבנן בתלישת שערות עם הידיים, ובנד"ד ששערותיו נושרים בקלות אם יודע בוודאות שיתלוש שערות ע"י משיכת הזקן או סידור הפיאות אסור לעשות כן, דאף שאין מתכוין לתלישת שערות מ"מ הוה פסיק רישא.

**ג - ד. האם מותר לסרק שערות הראש או הזקן בשבת ?**

נת' בשו"ע סי' ש"ג (סע' כ"ז) שיש איסור לסרוק השערות במסרק בשבת, משום דהוא פסיק רישא שיתלשו שערות, אבל מותר להפריד השערות בידיים, ובמ"ב שם (פז) כתב שלתקן מעט השערות מותר להשתמש במברשת ולא במסרק, וטוב לייחד מברשת מיוחדת לשבת (ועיי' מ"ב פו שכתב בשם ספר ישועות יעקב, וז"ל: 'ראיתי אנשים מקילים לסרוק ראשם בשבת וכמעט נעשה הדבר כהיתר אצלם ואוי לעינים שכך רואות לעבור בשאט נפש לחלל שבת בידים ומהראוי לכל חכם בעירו להזהיר ע"ז אולי ישמעו ויקחו מוסר, עכ"ד, ומה שמשיבין שמוכרח לתקן שערותיו כדי שלא יתגנה בפני חבריו הלא יכול לעשות באופני היתר... ומלבד כל זה הלא יכול לחוף ולפספס שערותיו ביד ולמה יעבור איסור חמור כזה בידים).

וכל שכן שאסור להשתמש במסרק סמיך לצורך מציאת כינים בשערות הראש של ילדים קטנים, דהוה פסיק רישא שיתלוש.

ולענין הסרת פלסטר המונח על היד [או שאר מקומות שבגוף] במקום שיש שערות, כתבו הפו' (ארחות שבת יז, יג) שאסור לעשות כן בשבת משום שודאי נתלשים שערות מחמת הסרת הפלסטר.

**ה. הלובש מעיל פרוה (fur), האם מותר לתלוש שערות מהמעיל ?**

נת' במ"ב (סק"ה) שבנ"א הלובשים עורות של בהמה וחיה יזהרו שלא לתלוש מן השער שלהם בשבת (עיי"ש שיש לחוש בזה לחיוב חטאת אפי' תולש ביד).

**ו. האם מותר להסיר נוצות שנשארו על העור של בשר עוף מבושל ?**

בהמשך דברי המ"ב כתב שיש איסור בתלישת כנף מן העוף אפי' לאחר מיתה, ועפי"ז כתבו הפו' (ארחות שבת יז, ט) שיש להזהר שלא להסיר חלקי כנף [נוצות] שנשארו בעור בשר מבושל, ואם מפריע לו יסיר חתיכת העור לגמרי, ויזהר מאיסור בורר (ועיי' פס"ת אות ד' שיש חולקים על דין זה).

## שאלות ליום השבת

**ז. האם מותר להסיר כתמי חלב או שעוה שנדבקו לזמירות וכדו' | שיירי מאכל שנתייבשו ונדבקו ע"ג דפי הזמירות ?**

במ"ב (סק"י) כ' שיש ליזהר אם נטף שעוה ע"ג אותיות שבספר שלא לקלף השעוה, כי ע"י מחיקתו מגלה האותיות, וחשיב מוחק ע"מ לכתוב, ובכלל זה, אם נדבקו ונתייבשו שיירי מאכל ע"ג הזמירות ומסתירים האותיות אסור להסירם, וכן הדין אם נדבקו דפים זה לזה מחמת שיירי מאכל הדבוקים במקום האותיות שאסור להפרידן אם עי"ז יתגלו האותיות, וכעי"ז מבו' גם במ"ב בסוף הסימן (סקמ"ה), אבל אם לא נתייבשו שיירי מאכל מותר.

**ח. האם מותר לחתוך פרוסות מעוגת חומש סעודה וכדו' שמודפס עליה תמונה או שיש עליה ס"ת או אותיות מקרם או משוקולד ?**

הרמ"א כתב שאסור לשבר עוגה שכתוב עליה אותיות משום שמוחק את האותיות [היינו, ששוברן לחלקים ע"י החיתוך] - ואף שמחיקה זו אינה ע"מ לכתוב ולתקן, מ"מ יש בזה איסור מדרבנן, ואף שאין כוונתו למחיקת האותיות מ"מ הוא בכלל 'פסיק רישא', וקיי"ל לאסור פסיק רישא אפי' במלאכה דרבנן, ובמ"ב (סקט"ז) כ' שיש מחמירים בזה גם בציורים, וכתבו הפו' (שש"כ ט, הע' מח, ועיי' א"ש טו, הע' כז מה שהאריך בזה) שהאיסור הוא רק בחותך באמצע האותיות או הציורים, אבל אם חותך רק בין האותיות או הציורים אין בזה שום איסור.

ובכלל איסור זה, אם חתך את העוגה בע"ש ולא הפריד החתיכות זו מזו אסור להפרידן בשבת שהרי האותיות נמחקים בשעת הפרדת החתיכות זה מזה (מ"ב למעשה אות מ"ג, ופשוט) , אכן, באופן שחתך כבר העוגה לפרוסות מערב שבת והפרידן זה מזה מותר לאכול מהעוגה גם את הפרוסות שנשאר כתוב עליהם אותיות שלימות, אף ששוברן בשעה שמכניסן לפיו דרך אכילה, אבל אסור לשוברן ביד לפני שמכניסן לפיו (מ"ב סקי"ז, שבאופן כזה יש לסמוך על הדיעות החולקות על הרמ"א שאין כלל איסור בשבירת אותיות שע"ג עוגה, ובשעה"צ אות כב הביא לעיין בפמ"ג סי' שטז ששם מבו' שפסיק רישא דלא ניחא ליה בתרי דרבנן יש להקל, ובנד"ד שעושה דרך אכילה חשיב כלאחר יד, וגם הוי כתיבה שאינה מתקיימת, ואין כוונתו כלל למחיקה רק לאכילה, וכיון שכן, יש להקל בזה, ובפרט במקום עונג שבת).

ובמ"ב כתב עוד (סקי"ד) שהאיסור הוא רק לגדולים, אבל מותר ליתן לקטנים לחתוך פרוסה כדי שיוכלו לאכול.

**ט. האם מותר לשבור עוגיות ושוקולד שחקוק בהם אותיות וציורים או שהם עשויים בצורת אותיות או חיות וכדו' ?**

המ"ב (סקט"ו) כ' שאיסור שבירת עוגה שכתוב עליה אותיות הוא רק באופן שהאותיות הם מדבר אחר, אבל אם הם מהעוגה עצמה כגון שחקק אותיות בבצק קודם האפיה או שהניח תבנית מיוחדת בצורת אותיות על הבצק קודם האפיה והאותיות בולטות מהבצק אין בזה איסור שאין ע"ז שם כתיבה ולא שם מחיקה [דלא חשיבי אותיות, אלא כך הוא צורת הפת (עיי' א"ש שם, הע' לו שהאריך בזה)], ולפי"ז אין שום איסור לשבור עוגיות ושוקולדים שחקוק בהם אותיות או צורות, ואפילו אם שוברן לפני שמכניסן לפיו כיון שהכתיבה הוא ע"י חקיקה בגוף החלה או העוגיה, וכל שכן, שיש להתיר באופן שהעוגיות או השוקולדים עשויים בצורת אותיות או חיות שבאופן זה לא שייך שם כתיבה כלל, הואיל וגוף העוגיה היא עצם הצורה ואינה כתובה ע"ג דבר אחר.

**י. האם מותר לפתוח אריזות ממתקים לילדים, במקום שכתובים אותיות ?**

דין זה יש ללמוד מדין שבירת עוגה שיש עליה אותיות, דחשיב מוחק כיון שמפריד האותיות לב' חלקים, ואסור אף שאינו מכוין למחיקה, ויש ליזהר בזה מאד כי המכשלה מצויה בזה הרבה, ובפרט בזמננו שעל חלק מהאריזות יש כיתוב מאד צפוף וממש קשה ליזהר שלא לחתוך במקום האותיות, ובאופן כזה יש לפתוח מלפני שבת, וכן יש להזהר כשיש צורך בשימוש בכדורים לרפואה בשבת שיש כיתוב מהצד השני של אריזת הכדורים, במקום פתיחת האריזה להוצאת הכדורים (כ"מ במ"ב סקמ"ח, וכ"ה להדיא בשש"כ פ"ט הע' מ"ח), ואם אין אפשרות לפתוח את האריזות במקום פנוי מהאותיות צריך לפתחם קודם השבת או שיצבע את האותיות שעל האריזה בצבע שחור מע"ש ונמצא שנמחקו האותיות מע"ש (שש"כ שם ס"כ), וככר נתבאר בסי' שי"ד שלכתחילה ראוי לפתוח את כל האריזות והשקיות מע"ש.

**יא. האם מותר לפתוח ספר שיש עליו חותמת של ביהמ"ד או קנין ספרים בצידי הספר על חודי הדפים ?**

המ"ב (סקי"ז) הביא ב' דיעות אם דין זה נכלל במה שאסר הרמ"א לשבור עוגה שכתוב עליה אותיות יש מחמירים משום שע"י פתיחת הספר נחלקים האותיות לשניים ויש לחוש בכך למחיקה [וה"ה שיש לחוש לכתיבה בסגירת הספר], ויש מקילים כיון שהספר עשוי לפתוח ולסגור תמיד אין בכך איסור [וכמו שהתירו פתיחת וסגירת דלת בבית ולא אסרוהו משום בנין וסתירה], ולמעשה, אם יש לו ספר אחר ראוי להחמיר, ואם אין לו ספר אחר יש להקל (ועיי' שעה"צ כה שלכתחילה יש להזהר שלא לכתוב כלל אותיות על חודי הדפין כדי שיוכלו לפתוח הספרים בשבת ללא שום חשש), ודוקא באופן שבחתימה יש תיבות ואותיות, או סמל וציור שיש בהם משמעות, אבל מה שמצוי בספרים בזמננו שמרססים מעט צבע [ולפעמים כמה צבעים] על חודי הדפים, אין שום חשש בפתיחת וסגירת ספרים אלו (שש"כ כח, הע' ח).

**יב. המתפלל בסידור או מעיין בספר ומגיע לדף שנקרע לשתיים, האם מותר לקרב את חלקי הדף זה לזה כדי שיוכל לקרוא את הכתוב שם ?**

נח' הפו' אם דין זה נכלל במה שהביא המ"ב (סקי"ז) בענין ספר שיש עליו חודי אותיות, וי"א שדין זה גרע טפי ואסור לכו"ע (כיון שאינו עומד לפתוח ולסגור תמיד כמו ספר - עיי' מ"ב דרשו הערה 33, ועוד, שבנד"ד מתכוין לעשות צורת האות), ולכן יש להחמיר שלא לקרב את חלקי הדף, ואף אם מקרבם יזהר שישאר ריווח ניכר בין ב' חלקי הדף (שש"כ כח ג, ארחות שבת טו יב).